


# אפדעיטעד טיילווייזע אנעמפלוימענט אפט געפרעגטע פראגעס

### אפדעיטעד: אוגוסט 16, 2021

אום יאנואר 18, 2021, האט געוועזענע גאווערנאר ענדרו מ. קואמא געמאלדן אז אונטער זיין אנווייזונג וועט NYS DOL איינפירן א נייעם געזעץ וואס וועט אנדערש אויסטייטשן ווי אזוי פארט-טיים ארבעט אפעקטירט אנעמפלוימענט בענעפיטן. דער טויש מאכט ניו יארק'ס טיילווייזע אנעמפלוימענט סיסטעם מער יושר'דיג און מער אייניג פאר ניו יארקער וואס האבן די געלעגנהייט צו ארבעטן פארט-טיים בשעת'ן נעמען אנעמפלוימענט און פאנדעמיק בענעפיטן.

גילטיג אוגוסט 16, 2021, ניו יארק סטעיט האט געענדערט די כללים פאר טיילווייזע אנעמפלוימענט בארעכטיגונג. דער אפדעיט וועט זיין גילטיג פארן בענעפיט וואך פון מאנטאג, אוגוסט 16, 2021 ביז זונטאג, אוגוסט 22, 2021 און אלע בענעפיט וואכן וויטער. ביים סערטיפיי'ען פאר בענעפיטן, זאלן ניו יארקערס גיין צו די נייע אנווייזונגען פארן באריכטן פארט-טיים ארבעט, אוועילעבל אונטן.

## פראגע: וואספארא ענדערונגען האט מען געמאכט צו טיילווייזע אנעמפלוימענט?

ענטפער: וואספארא ענדערונגען האט מען געמאכט צו טיילווייזע אנעמפלוימענט? אונטער די נייע רעגולאציעס, קענען קלעימענטס ארבעטן ביז 7 טעג א וואך אן פארלירן אלע אנעמפלוימענט בענעפיטן פאר יענע וואך **אויב זיי ארבעטן 30 שטונדן אדער ווייניגער און פארדינען $504 אדער ווייניגער אין גראס באצאלונג אויסשליסנדיג פארדינסטן פון זעלבסט-עמפלוימענט**. מיט דעם טויש, וועלן קלעימענטס' בענעפיטן נישט ווערן פארמינערט פאר יעדן טאג וואס זיי טוען פארט-טיים ארבעט און וועלן ווערן פארמינערט ביסלעכוויז באזירט אויף סך הכל שטונדן פון ארבעט פאר די וואך.

צו פארגלייכן, האט NYS DOL'ס פריערדיגע סיסטעם פאר טיילווייזע UI געציילט פארט-טיים ארבעט אין גאנצע-טאג ברוכטיילן. אונטער דעם צוגאנג, וואלט א קלעימענט וואס האט געארבעט פארט-טיים פארלוירן 25% פון זייערע וועכנטליכע בענעפיטן פאר יעדן טאג וואס מען האט געארבעט אפגעזען פונעם צאל פון שעות געארבעט אויף יעדן פון יענע טעג. צום ביישפיל, א קלעימענט וואס האט פארדינט $45 דורכאויס א דריי-שעה'דיגע שיפט וואלט פארלוירן א פערטל פון זייערע וועכנטליכע בענעפיטן.

## פראגע: וואס האט זיך געטוישט מיט מיין וועכנטליכע סערטיפיקאציע?

ענטפער: דער סיסטעם אפדעיט טוישט ווי אזוי קלעימענטס רעכענען דעם צאל טעג וואס זיי באריכטן אלס ארבעטנדיג יעדע וואך. קלעימענטס זאלן זיך באציען צום טאוול אונטן צו באשטימען ווי אזוי זייערע וועכנטליכע שטונדן וואס מען האט געארבעט רעכענען זיך צום צאל טעג צו באריכטן. צום ביישפיל, אויב א קלעימענט ארבעט 10 שעה אדער ווייניגער א וואך, זאלן זיי באריכטן אז זיי האבן געארבעט 0 טעג ווען זיי סערטיפייען. א קלעימענט וואס ארבעט 30 שטונדן, וואלט באריכטעט 3 טעג געארבעט.

נאך א טויש איז אז קלעימענטס ווערן נאר פארלאנגט צו באריכטן ביז 10 שטונדן געארבעט יעדן טאג.

| שטונדן געארבעט פער וואך | | צאל טעג צו באריכטן צו UI | % פארמינערונג אין UI |
|---|---|---|---|
| 0 - 10 | ⬅ | 0 טעג | 0 |
| 11 - 16 | ⬅ | 1 טאג | 25% |
| 17 - 21 | ⬅ | 2 טעג | 50% |
| 22 - 30 | ⬅ | 3 טעג | 75% |
| 31+ | ⬅ | 4 טעג | 100% |

**ביים אויסרעכענען די שטונדן וואס איר האט געארבעט, ראונד'ט עס צו די נאנטסטע גאנצע שעה.**

**פראגע: וואס האט זיך נישט געטוישט מיט מיין וועכנטליכע סערטיפיקאציע?**

ענטפער: קלעימענטס דארפן נאך אלס סערטיפייע'ן זייערע וועכנטליכע קלעימס פאר בענעפיטן אנליין אדער דורכן אויטאמאטישן טעלעפאן סיסטעם. ביים סערטיפייע'ן, וועט דער סיסטעם פרעגן וויפיל טעג מען האט געארבעט. קלעימענטס זאלן זיך באציען צום טאוול אונטן צו באשטימען ווי אזוי זייערע וועכנטליכע שטונדן וואס מען האט געארבעט רעכענען זיך צום צאל טעג צו באריכטן.

אין צוגאב, קלעימענטס וועלן נאך זיין פארלאנגט צו באריכטן די סומע פון געלט פארדינט דורך די וואך פאר וואס זיי טוהן קלעימ'ען. סיי וועלכע קלעימענטס וואס פארדינען $504 אדער מער אין וועכנטליכע גראס באצאלונג (אויסשליסנדיג פארדינסטן פון זעלבסט-עמפלוימענט) וועלן נישט זיין בארעכטיגט פאר אנעמפלוימענט אדער פאנדעמיק בענעפיטן אפגעזען פון שטונדן וואס מען האט געארבעט.

| שטונדן געארבעט פער וואך | צאל טעג צו באריכטן צו UI | % פארמינערונג אין UI |
|---|---|---|
| 0 - 10 | 0 טעג | 0 |
| 11 - 16 | 1 טאג | 25% |
| 17 - 21 | 2 טעג | 50% |
| 22 - 30 | 3 טעג | 75% |
| +31 | 4 טעג | 100% |

**ביים אויסרעכענען די שטונדן וואס איר האט געארבעט, ראונדט'ס עס צו די נאנטסטע גאנצע שעה.**

**פראגע: ווי אזוי זאל איך רעכענען מיינע שטונדן אויב איך ארבעט מער ווי 10 שעה אין איין טאג?**

ענטפער: ביים צוזאמרעכענען סך הכל שעות פאר די וואך, זאלן קלעימענטס נוצן א מאקסימום פון 10 שעה פער קאלענדער טאג. צו באשטימען וויפיל טעג פון ארבעט צו באריכטן צו אנעמפלוימענט אינשורענס, זאלן קלעימענטס צוזאמרעכענען אלע שעות געארבעט פאר יעדן קאלענדער טאג (מיט א מאקסימום פון 10 שעה פאר סיי וועלכע טאג וואס קלעימענטס האבן געארבעט מער ווי 10 שעה) און זיך באציען צום טאוול.

צום ביישפיל, א קלעימענט וואס ארבעט 11 שעה א וואך זאל באריכטן איין טאג פון עמפלוימענט, און א קלעימענט וואס ארבעט 17 שעה א וואך זאל באריכטן צוויי טעג פון עמפלוימענט אויב זיי האבן געארבעט מער פון איין טאג. אויב די 17 שטונדן פון ארבעט זענען פארגעקומען אויף איין קאלענדער טאג, דאן זאל יענער קלעימענט באריכטן איין טאג פון עמפלוימענט צוליב די 10-שטונדן מאקסימום געזעץ.

| שטונדן געארבעט פער וואך | צאל טעג צו באריכטן צו UI | % פארמינערונג אין UI |
|---|---|---|
| 0 - 10 | 0 טעג | 0 |
| 11 - 16 | 1 טאג | 25% |
| 17 - 21 | 2 טעג | 50% |
| 22 - 30 | 3 טעג | 75% |
| +31 | 4 טעג | 100% |

**ביים אויסרעכענען די שטונדן וואס איר האט געארבעט, ראונדט'ס עס צו די נאנטסטע גאנצע שעה.**

**באמערקונג:** דער פארמולע טוישט נישט די $504 גראס וועכנטליכע באצאלונגען געזעץ - קלעימענטס מוזן נאך אלס באריכטן זייערע סך הכל פארדינסטן פאר די וואך. א קלעימענט וואס פארדינט מער ווי $504 אין וועכנטליכע גראס באצאלונגען (די סומע געלט וואס מען האט פארדינט פאר שטייערן און דידאקשאנס זענען אראפגערעכנט געווארן) אויסשליסנדיג פארדינסטן פון זעלבסט-עמפלוימענט וועט נישט זיין בארעכטיגט פאר אנעמפלוימענט אדער פאנדעמיק בענעפיטן אפגעזען פון שטונדן וואס מען האט געארבעט.

**פראגע: ווען וועט דער טיילווייזער אנעמפלוימענט טויש אריינגיין אין קראפט?**

ענטפער: אנגעהויבן זונטאג, יאנואר 24, 2021, וועלן ניו יארקער נוצן דעם נייעם מעטאד פארן בענעפיט וואך פון מאנטאג, יאנואר 18, 2021 ביז זונטאג, יאנואר 24, 2021 - און אלע בענעפיט וואכן ווייטער.

**באמערקונג:** אנגעהויבן זונטאג, אויגוסט 22, 2021, וועלן ניו יארקער באריכטן אז זיי נוצן די אפדעיטעד שעות מאטריץ פארן בענעפיט וואך פון מאנטאג, אויגוסט 16, 2021 ביז זונטאג, אויגוסט 22, 2021 - און אלע בענעפיט וואכן ווייטער.

**פראגע: איז נאך אלס דא א פארדינסטן מאקסימום פאר טיילווייזע אנעמפלוימענט בענעפיטן?**

ענטפער: יא, אויב א קלעימענט פארדינט מער ווי $504 אין וועכנטליכע גראס באצאלונגען (די סומע געלט וואס מען האט פארדינט פאר שטייערן און דידאקשאנס זענען אראפגערעכנט געווארן) אויסשליסנדיג פארדינסטן פון זעלבסט-עמפלוימענט, דאן וועט יענער נישט זיין בארעכטיגט פאר אנעמפלוימענט אדער פאנדעמיק בענעפיטן פאר יענע וואך אפגעזען פון ווי ווייניג שטונדן מען האט געארבעט.

**פראגע: איז דער טויש אויך גילטיג פאר וועכנטליכע סערטיפיקאציע פאר פאנדעמיק אנעמפלוימענט הילף (PUA) בענעפיטן?**

ענטפער: יא. קלעימענטס וואס זענען בארעכטיגט פאר PUA בענעפיטן וועלן באריכטן זייערע טעג פון ארבעט נוצנדיג דעם נייעם רעכענונג מעטאד. אנדערש ווי געוויינליכע UI בענעפיטן (אדער עקסטענדעד בענעפיטס), מוזן PUA קלעימענטס באריכטן פארדינסטן אין זעלבסט-עמפלוימענט איבער $504 לויט ווי פעדעראלע פאדערונגען.

**פראגע: אויב איך ארבעט פיר שעה אין א וואך אין פארלויף פון איבער פיר טעג, זאל איך נאך אלס באריכטן אז איך האב געארבעט 0 טעג?**

ענטפער: יא, אונטער NYS DOL'ס נייע צייטווייליגע אנעמפלוימענט סיסטעם, זענען פיר שטונדן פון ארבעט אין א וואך -- אפגעזען פון די סך הכל טעג וואס מען האט געארבעט -- ווייניג צו ווייניגער ווי איין טאג געארבעט פאר סערטיפיקאציע צוועקן, אזוי לאנג ווי דער קלעימענט פארדינט נישט מער ווי $504 אין גראס באצאלונג (אויסשליסנדיג פארדינסטן פון זעלבסט-עמפלוימענט) פאר יענע דריי שטונדן וואס מען האט געארבעט.

**פראגע: ווי אזוי טוט דער טויש אפעקטירן מיינע בענעפיטן אויב איך ארבעט נישט פארט-טיים?**

ענטפער: NYS DOL'ס טויש לגבי ווי אזוי טיילווייזע אנעמפלוימענט בענעפיטן ווערן אויסגערעכנט וועט נישט אפעקטירן קלעימענטס וועלכע האבן געארבעט 0 שטונדן אין א וואך.

**פראגע: ווי אזוי וועט דער טיילווייזער אנעמפלוימענט טויש אפעקטירן די אלגעמיינע צייט וואס איך קען באקומען אנעמפלוימענט בענעפיטן?**

ענטפער: NYS DOL'ס טויש לגבי ווי אזוי טיילווייזע אנעמפלוימענט בענעפיטן ווערן אויסגערעכנט וועט נישט אפעקטירן דעם צאל וואכן פון אנעמפלוימענט וואס איז אוועילעבל פאר ניו יארקער.

**פראגע: איך בין אויף שעיר'ד ארבעט (Shared Work). ווי אזוי טוט דער טויש אפעקטירן מיינע בענעפיטן?**

ענטפער: טיילווייזע אנעמפלוימענט בענעפיטן פאר קלעימענטס וואס זענען איינגעשריבן אין די שעיר'ד ארבעט פראגראם ווערן אויסגערעכנט אנדערש. **קליק'ט דא פאר נאך אינפארמאציע איבער סערטיפייי'ען פאר שעיר'ד ארבעטס בענעפיטן**.

**פראגע: וואס זאל איך טון אויב איך האב באריכטעט דעם אומריכטיגן צאל שטונדן געארבעט בשעת'ן סערטיפייי'ען?**

ענטפער: אויב א קלעימענט האט בטעות באריכטעט דעם צאל טעג געארבעט פאר וואכן אנגעהויבן יאנואר 18, 2021 אדער שפעטער, אנשטאט נוצן די נייע פארמולע **אדער** אויב נוצט איר די אלטע באריכטונגס אנווייזונגען פאר וואכן אנגעהויבן אויגוסט 16, 2021 אדער שפעטער, זיי זאלן לאזן וויסן פאר NYS DOL כדי מיר זאלן קענען פארזיכערן אז מען ווערט באצאלט אלע בענעפיטן צו וואס מען איז בארעכטיגט.

**פראגע: וואס זאל איך טון אויב איך סערטיפיי פאר פארגאנגענע באצאלונגען פאר וואכן וואס איך בין געווען טיילווייז אנעמפלויד צווישן יאנואר 18, 2021 און אויגוסט 16, 2021?**

צו סערטיפייי'ען פאר פארט-טיים ארבעט צווישן יאנואר 18, 2021 און אויגוסט 16, 2021, זאלט איר זיך באציען צו די פריערדיגע טיילווייזע עמפלוימענט אנווייזונגען אונטן.

- 0 - 4 שעה פון ארבעט (פאסיג צו 0 ארבעטס טעג): 100% פון וועכנטליכע בענעפיט ראטע
- 5 - 10 שעה פון ארבעט (פאסיג צו 1 ארבעטס טאג): 75% פון וועכנטליכע בענעפיט ראטע
- 11 - 20 שעה פון ארבעט (פאסיג צו 2 ארבעטס טעג): 50% פון וועכנטליכע בענעפיט ראטע
- 21 - 30 שעה פון ארבעט (פאסיג צו 3 ארבעטס טעג): 25% פון וועכנטליכע בענעפיט ראטע
- 31 שעה און מער פון ארבעט (פאסיג צו 4 ארבעטס טעג): 0% פון וועכנטליכע בענעפיט ראטע